פארקערט ווי די פאדערונג פון תורה, מאנט בא איהם אז ער זאל גיין אנגעטאן לויט ווי עס פאסט פאר א חתן, אאא אאא ווארום אידען ווערן אנגערופען חתן צו תורה וועלכע ווערט אנגערופען כלה, ווי ערקלערט אין מדרשי רז"ל,

און תורה מאנט נאך אז די צניעות זאל זיין אין אזא אופן אז אפילו א גוי נאך איידער ער בייט אריין איבערווייניג פון די אידישע הויז, נאר קוקענדיק פון דרויסען זאל זיין קאנטיג אז אין די הויז פירט מען זיך לויט דעם אויבערשטענס פארלאנג, און א איד א כלי אויף דעם אויבערשטענס ברכות, פונקט ווי עס איז געווען בא בלעם, אז שטייענדיק פון דערווייטענס האט ער געזען לויט ווי די אידישע הייזער זיינען געווען געבויט אז אידען פירען זיך ע"פ צניעות, און דערפאר זיינען זיי ווערט די ברכה פון אויבערשטען,

קריגט יעדער איד דעם כח דאס אויסצופירען אאא פון דער התחלה פון אלע ד' חלקי שו"ע

וואס די התחלה פון ד' חלקי שו"ע איז "אל יבוש מפני המלעיגים", אז א איד זאל זיך נישט שעמען און נתפעל ווערן פון די וועלכע לאכען פון איהם אפ,

אין דעם ווארט "מלעיגים" איז אבער פאראן נאך א טייטש פארקרומט, מלשון שפת עלגים, ד.ה. אז א איד זאל נישט נתפעל ווערן פאר די וועלכע פירען זיך אין קרומע וועגען.

ווארום די וועלכע פירען זיך נישט ע"פ צניעות, נישט נאר דאס איז פארקערט פון דעם וועג פון תורה, נאר דאס איז פארקערט פון דעם דרך הישר, פארקערט פון מאראל

ביילע בשעת מ'פירט זיך נישט צנועות, און אזא חלק פון קערפער וועלכער דארף זיין פארדעקט איז אופגעדעקט, רייצט דאס אז יצה"ר פון א צווייטען. עס ווירקט נישט אז יענעמס שכל זאל בעסער ארבעטען, אבער נישט אז בא יענעם זאל זיך ענדערען צום גוטען דער דרך ארץ פאר זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, אדער אפילו פאר זיין אייגענער פרוי, אדער דאס זאל איהם באווירקען אויף געבען מערער צדקה.

די איינציגע זאך וואס ווערט אופגעטאן בשעת מ'גייט אנגעטאן נישט לויט די פאדערונגען פון צניעות, איז אז טאמער איז ביי איינער בא דעם צווייטען געווען זיין רע באהאלטען אדער אן א שטורעם און טעמפערעמענט העלפט ער איהם דאס פאנאנדערפלאקערן,

קודם אלס אז אלליין פארלירט מען דערפון גארנישט, די איינציגע זאך איז שלעכט א צווייטען, וואס דאס איז דאך א פארקרומטער וועג, זאל דער אויבערשטער אפהיטען.

וואלט מען געגאנגען אין א גלייכע וועג וואלט מען געוואוסט אז דער צוועק און ציל פון לעבען איז אליין זיין גוט און באווירקען דעם צווייטען